# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת ויקה"פ
תשע"ח לפ"ק
גליון ט'

## שאלה

## וואס איז היינט צו טאגס די גרעסטע פראבלעם פאר אידן אין ברוקלין?

## ענטפער:

און די אידן אין מאנהעטן?! און די אידן איבעראל?! אין לעיקוואוד אויך! די גרעסטע פראבלעם וואס שטייט פאר אונז איז וויאזוי פטור צו ווערן פון די שעדליכע השפעה פון די דרויסנדיגע גאס. די נומער איינס "אישו" איז פטור צו ווערן פון די איינפלוס פון די "ענווייראמענט".

"וקבצנו והצילנו מן הגוים, להודות לשם קדשך להשתבח בתהילתיך" (דברי הימים א' ט"ז ל"ה) באשעפער, נעם אונז צוזאם און ראטעוועט אונז פון די גוים, כדי מיר זאלן קענען דאנקען דיין הייליג נאמען און רימען דיין לויב. מיר בעטן: רבונו של עולם – ראטעוועט אונז פון די גוים און רשעים, ווייל דאס איז די ערגסטע פראבלעם פון אלעם. אפילו מיר ליינען נישט זייערע צייטונגען. מיר גייען נישט אין זייערע שולעס. אבער די אטמאספערע איז דורכגעווייקט מיט זייערע שטותים און שקרים. און דו קענסט זיך נישט העלפן, ווייל נאטורליך וועט די מאיאריטעט וואס נעמט דיר ארום האבן א נעגאטיווע השפעה אויף דיין מחשבה.

דערפאר דארפסטו ארבעטן זייער שווער אויסצוהערן וויפיל דו קענסט צו די אמת, דורכ'ן צוהערן כסדר צו אלע גוטע זאכן און אנפילן דיין מח מיט די אמת'ע תורה-געדאנקען. דאס איז וויאזוי דו קענסט זיך צוריקשלאגן. קיין שום אנדערע זאך וועט נישט העלפן. ווילאנג עס איז נאך דא עפעס ליידיג פלאץ אין דיין קאפ – ס'איז דא סיי-וועלכע "וואקיום" אין דיין מח – גייט דארט עפעס אריינגיין פון די דרויסנדיגע וועלט. די דרויסנדיגע וועלט איז וואס ברענגט צו אלע סארטן פארלוסטן, און די גרעסטע פארלוסט איז די פארלוסט פון די אמת'ע תורה'דיגע השקפה.

בדרך אגב, אפילו ווען דו גייסט היינט-צו-טאג צו א שמחה, הערשט דארט כמעט אן אפיקורס'ישע אטמאספערע. יא! ווער טראכט פון הקדוש ברוך הוא?!

"תהילתו בקהל חסידים" – דעם אויבערשטנ'ס לויב איז וואו ערליכע אידן קומען זיך צוזאם (תהלים קמ"ט). אין א פלאץ וואו חסידים קומען זיך צאם, דארף זיך הערן די לויב פון השי"ת. ווען פרומע אידן קומען זיך צוזאם דארף די ערשטע זאך אויף די אגענדע זיין "תהילת השם". יא, דו דארפסט רעדן וועגן השי"ת. דאס איז די ערשטע זאך – תהילת השם. מיר זיצט יעצט דא צוזאמען, דארפן מיר רעדן וועגן השי"ת. דו קענסט טאנצן פאר השי"ת. דו קענסט טרונקען ווייין פאר השי"ת. דו קענסט עסן קרבנות פאר השי"ת. "ושמחת לפני השם" – דו קענסט עסן קרבנות און זיך פרייען ווען דו עסט די פלייש – אבער עס דארף זיין "לפני השם".

אפילו אויב דו גייסט שלאפן שבת, ס'איז אן עונג שבת. מוזטו אבער טראכטן, דו מוזט זאגן "איך גיי יעצט שלאפן פאר עונג שבת, ווייל ס'איז א מצה צו פייערן דעם בריאת העולם יש מאין". יא, זאג עס! "איך גיי יעצט שלאפן פאר מיין עונג שבת צו אפצייכענען אז השי"ת האט באשאפן די וועלט פון גארנישט." דאס איז וואס שבת איז. ווען דו עסט די טשולענט שבת. ווען דו עסט די חלה. ווען דו עסט די פלייש. יעדעס מאל דו עסט זאלסטו זאגן "איך עס פאר'ן צוועק צו אפצייכענען בריאת העולם יש מאין."

אלעס דארף געטון ווערן פאר השי"ת. עס איז אזוי וויכטיג. און עס איז א טראגעדיע צו לעבן אן השי"ת אין דיין מחשבה.

**שאלה**

## אין קידוש פרייטאג צונאכטס זאגן מיר "זכר ליציאת מצרים". מיט וואס דארף אונז שבת דערמאנען פון יציאת מצרים?

**ענטפער:**

שבת לערנט אונז אז השי"ת האט אונז אויסגעוועהלט צו זיין זיין פאלק. מיר, די עם ישראל, זענען געווארן אויסגעוועלט צו זיין דאס פאלק וואס זאגט עדות אויף דעם אמת פון מעשה בראשית דורכ'ן האלטן שבת. "אתם עדי" האט דער אויבערשטער געזאגט. מיר זענען זיינע עדים וועלכע זאגן עדות אויף די אמת פון זיין עקזיסטענץ און אויף די בריאה פון די וועלט יש מאין.

און ווען זענען מיר געווארן אויסגעוועלט? מיר זענען געווארן אויסדערוועלט אין מצרים. ביי יציאת מצרים זענען מיר געווארן אויסגעוועלט. "שלח את בני" (שמות פר' ד כ"ב) האט דער אויבערשטער געזאגט. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס דער אויבערשטער האט עס געזאגט. ביי יציאת מצרים האט השי"ת אנגערופן די אידן "מיין זון". ער האט אונז אויסגעוועלט אין מצרים.

און פארוואס האט ער אונז אויסגעוועלט? "שלח את בני ויעבדוני". שיק ארויס מיין פאלק אז זיי זאלן מיר קענען דינען. מיין קינד זאל מיר דינען. איז ביי יציאת מצרים, האט אונז השי"ת אויסגעוועלט אים צו דינען. עס שטייט אזוי אפן. שיק זיי ארויס מיך צו דינען. איז מיר זענען געווארן אויסגעוועלט ביי יציאת מצרים פאר די אויפגאבע – צו פייערן שבת און דערביי זיין די עדות אויף די בריאה פון יש מאין, אויף די חסד השם,און אויף די חכמת השם וואס איז אזוי קלאר אין די מעשה בראשית.

און דאס איז איינע פון די באדייטן אויף "זכר ליציאת מצרים" וואס מיר דערמאנען יעדן שבת.

**שאלה**

## דער רב האט גערעדט זייער שטארק וועגן די איסור פון רייכערן. אויב איז דאס אמת, פארוואס געבן נישט די גדולים ארויס אן איסור פאר ישיבה-בחורים צו רייכערן?

**ענטפער:**

די ענטפער איז אז מיר דארפן נישט קיין גדולים פאר דעם. עס שטייט אין די תורה אליינס - "ונשמרתם מאד לנפשותיכם" – און די שכל הישר פארלאנגט אויך אזוי. די גדולים זענען נישט קיין וויסנשאפטלער. זיי קענען נישט איבערצייגן אז רייכערן איז שעדליך. און זיי דארפן עס נישט טון. אויב אויפ'ן פעקל פון די ציגארעטן אליינס שטייט אז דער "סוירזשן דזשענעראל" ווארנט דיר אז צו רייכערן איז א סכנה פאר דיין געזונט, און עס ברענגט אן אסאך קרענק, דאן ביזטו מחויב עס אליינס צו פארשטיין. עס איז שכל הישר.

די גדולים קענען דיר אויסלערנען די חיוב מן התורה צו היטן אויף די געזונט. אבער מיר וויסן אסאך מאל מער די דעטאלן וויבאלד מיר קענען ליינען די ציגארעטן פעקלעך. אפשר אסאך פון די גדולים קענען נישט קיין ענגליש. איך קען ליינען, און דאס איז וואס עס שטייט אויף די ציגארעטן-פעקלעך, דעריבער דארפן מיר זיך ארויסשטעלן און רעדן אז רייכערן איז א חטא.

יעדער וואס רייכערט היינט צו טאגס זאל וויסן אז עס איז מער נישט דא די היתר פון "שומר פתאים השם" אז דער אויבערשטער היט די וועלכע וויסן נישט. ער איז נישט א פתי – ער איז א רשע. דו ביזט א חוטא גמור אויב דו רייכערסט היינט.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com